

# רבי אביגדור ענטפערט...

שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך
**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**
ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

בראשית
תש"פ לפ"ק
גליון ז"א

## שאלה
### פאַרוואס איז די הימל בלוי?

**ענטפער:**

דאס איז פשוט. די בלויע קאליר איז די רעזולטאט פון מאטריאלן אין די לופט, וואס ווען די ליכטיקייט גייען דורך די מאטריאלן, באקומט עס א זיסע, געשמאקע קאליר: **תכלת**. די קאליר פון תכלת איז אייביג געניצט דורך הקב"ה אלס אן אויסדרוק פון מלכות, ווייל תכלת איז א דערמאנונג פון דעם אויבערשטנ'ס רקיע; די רקיע איז תכלת. אודאי זענען זיי עס מסביר דורכ'ן זאגן אז די אטמאספערע האט שטויבעלעך וואס בייגן די ליכט-שטראלן אין אזא וועג וואס מאכט עס אויסקוקן בלוי – אבער אייגנטליך איז עס הקב"ה וועלכער האט געמאכט אז דאס זאל געשען. און די תכלית פון די קאליר בלוי איז, ווייל עס איז גרינג אויף די אויגן און עס איז א געשמאק עס צו זען; א בלויע הימל איז א מקור פאר שמחה.

וועגן דעם, ווען מען זעט א בלויע הימל דארף מען טראכטן פון תכלת – הקב"ה איז זיך מתלבש אין א קלייד. ער באדעקט די וועלט ווי א טלית, און די תכלת אויף די הימל איז ווי די ציצית פון זיין טלית, עס שטייט אפן אין פסוק **"עוטה אור כשלמה"**, ער באקליידט זיך מיט ליכטיקייט ווי אין א קלייד. איז אויב מען מאלט זיך אויס א "מלך העולם", ער טראגט א קלייד, און מען זעט בלויז א חלק פון זיין קלייד העכער'ן קאפ, און מען זעט די תכלת. אה, דעם אויבערשטנ'ס קלייד! עס דערמאנט דיר פון הקדוש ברוך הוא. און דער ים איז אויך תכלת, ווייל דער ים שפיגלט אפ די ליכטיגקייט פון די הימלען. קוק אויפ'ן ים און עס וועט דיר דערמאנען צו קוקן אויפ'ן הימל. קוק אויפ'ן הימל און עס וועט דיר דערמאנען צו קוקן העכער, און דער אויבערשטער איז דער מקור פאר אלעם.

דערפאר, אמאליגע צייטן ווען מען האט געהאט תכלת אין די ציצית, "וראיתם אותו", ווען מען האט געזען די ציצית און די תכלת, האט מען זיך דערמאנט פון הקב"ה, וואס איז דער בורא עולם, אלקי השמים, און ער וויל מען זאל טראכטן פון אים. איז קוקט ארויף צום הימל, און זעט אן אפשפיגלונג פונעם אויבערשטן, די בגדים, די תכלת וואס ער באקליידט זיך און ער באדעקט דערמיט די גאנצע וועלט, זיין טלית.

## שאלה
### וואס איז דער גורם צו די מחלוקת צווישן פארשידענע ארטאדאקסישע גרופעס און וויאזוי קענען מיר איבערקומען דעם פראבלעם?

**ענטפער:**

פארוואס פרעגן וועגן מחלוקת צווישן ארטאדאקסישע גרופעס?! פרעג וואס איז דער גורם צו מחלוקת צווישן א מאן און זיין ווייב?! וואס איז דער גורם צו סיי-וועלכע מחלוקה? עס קומט פאר כסדר. איך ווייס עס צו גוט. איך באקום טעלעפאן-קאלס אגאנצן צייט.

און דער ענטפער איז: דער מענטשליכער נאטור. מענטשן האבן פארשידנארטיגע תכונות הנפש אין זיך, און קיינער איז נישט די זעלבע ווי א צווייטן. און דאס איז נישט קיין צופאל פון נאטור; דער אויבערשטער האט **בכונה** געמאכט מענטשן אנדערש כדי זיי זאלן זיך דארפן אויסארבעטן און זיך לערנען וויאזוי זיך צו באגיין מיט אנדערע.

פארדעם איז אזוי וויכטיג צו חתונה האבן. א מאן און א פרוי זענען אנדערע פעלקער. "נשים עם בפני עצמן הן" – פרויען זענען א פאלק פאר זיך (שבת ס"ב ע"א). און דאס מיינט אז מענער זענען אויך א פאלק פאר זיך. ווען מען האט חתונה און גאנץ שנעל נאך די חופה ווערט מען געוואויר אז מען איז זייער אנדערש ווי דעם אנדערן, מיינט נישט אז ס'איז געווען א טעות. דער אויבערשטער

האט ענק געמאכט אנדערש פאר א צוועק. דאס איז די מטרה פון חתונה האבן! כדי מען זאל זיך איסלערנען וויאזוי דורכצוקומען מיט א ווייב. און א ווייב מוז זיך לערנען וויאזוי זיך דורכצוקומען מיט איר מאן. און אזוי ווערן זיי ביידע איסגעארבעט דורכאויס די יארן; זיי ווערן בעסער און בעסער.

אבער איינער וואס איז לייכטזיניג, ער רעכנט זיך נישט מיט'ן צווייטן, וועט אנברענגען מחלוקת. ווען צוויי זאכן רייבן זיך צוזאם, געשעט רייבערייען. און רייבערייען ברענגט היץ, און היץ ברענגט רעגענישן. און דערפאר, איז עס בלויז ווען מענטשן לערנען זיך צו באשמירן מיט גוטסקייט און געדולד; ווען זיי פאלגן אויס דעת תורה וויאזוי זיך אויפצופירן, דעמאלטס וועט נישט זיין קיין מחלוקת. איז וויאזוי קענט איר מיר פרעגן א קשיא וויאזוי עס קען זיין מחלוקת? מחלוקת צווישן מענטשן איז גארנישט חוץ דער ייצר הרע!

**מיר זענען אויף דער וועלט בעיקר כדי זיך דורכצוקומען מיט אנדערע מענטשן.** איר געדענקט ווען הלל איז געפרעגט געווארן דורך א פאטענציעלער גר "לערן מיר די גאנצע תורה ווילאנג איך שטיי אויף איין פוס", האט אים הלל געזאגט, "הייב אויף דעם פוס און לאמיר אנהייבן." און וואס האט אים הלל איסגעלערנט? ער האט אים געזאגט "מה דעלך סני לחברך לא תעביד, זו היא כל התורה כולה, ואידך פירושה הוא" (שבת ל"א, ע"א) – "וואס דו ווילסט נישט אנדערע מענטשן זאלן טון צו דיר, טו נישט צו זיי." דאס איז די גאנצע תורה. די איבריגע איז בלויז די דעטאלן." און רש"י איז מסביר אז רוב מצוות זענען בין אדם לחבירו. רוב עבודת השם ווערט געמאסטן דורך דיין שייכות מיט אנדערע מענטשן; וויאזוי דו האנדלסט מיט אנדערע מענטשן. און דיין פארבינדונג מיט דיין ווייב איז מער אפט ווי מיט פרעמדע. א ווייב איז ווי א הונדערט אדער טויזנט אנדערע מענטשן, ווייל די שייכות מיט איר איז אפטער ווי מיט סיי-וועם. און דערפאר, וועט איר זיך דארפן לערנען וויאזוי זיך דורכצוקומען.

די סיבה פארוואס ס'איז דא מחלוקת צווישן אידן איז די זעלבע סיבה פארוואס ס'איז דא מחלוקת צווישן דיר און דיין ווייב. ס'איז די זעלבע סיבה פארוואס ס'איז דא מחלוקת צווישן דיר און דיין שכן. און ס'איז די זעלבע סיבה פארוואס ס'איז דא מחלוקת צווישן דיר און זיך אליינס. זייער אסאך מענטשן קענען זיך נישט דורכקומען מיט זיך אליינס אויך נישט. זיי זענען גערעגט אויף זיך, ברוגז אויף זיך אליינס, און זיי פאלן אריין אין א גיסטע פון מעלאנכאליע און אפילו דעפרעסיע. איז ערשט דארף מען זיך לערנען וויאזוי זיך דורכצוקומען מיט זיך אליינס. און דאן וויאזוי זיך דורכצוקומען מיט יעדן איינעם.

און דערפאר, צו ענטפערן דיין פראגע, די סיבה פאר מחלוקת איז אז ס'איז א נסיון פאר די מענטשהייט. און מיר זענען בעיקר אויף דער וועלט צו ביישטיין אט דעם נסיון. (טעיפ 834#)

## שאלה

**אויב מיין מאן וויל זיינע עלטערן זאלן קומען פאר יום טוב, אבער זיי דערנידערן מיר כסדר, האב איך די רעכט אים אפצוהאלטן פון זיי איינלאדענען? אדער דארף איך זיי אריינלאזן און אראפשלינגען די ווייטאג?**

## ענטפער:

עס ווענד זיך. אויב איר זוכט צו האבן א געוואלדיגע מצוה וואס וועט אייך העלפן זוכה זיין צו עולם הבא, דאן זאלט איר זאגן אייער מאן זאל זיי איינלאדענען און איר זאלט מסכים זיין אראפצושלינגען סיי-וואס זיי וועלן טון. ווייל "לפום צערא אגרא", די שכר וועט זיין לויט די צער. און איסערדעם, וועט איר זיך משלים זיין אייערע מדות.

איז אויב די ווייב איז מסכים צו ליידן, דאן איז דער ענטפער – יא. אבער אויב זי איז נישט גרייט, דאן מוז ער פאלגן זיין ווייב און נישט איינלאדענען זיינע עלטערן. און דאס איז ווייל דו קענסט נישט זיין קיין מזיק צוליב דיינע מצוות. ער גייט גורם זיין א געוויסע מאס צער פאר א צווייטן דורך די מצוה און ער האט נישט קיין רעכט יענעם צו מצער זיין צוליב זיין מצוה. **"על כן יעזוב איש את אביו ואת אמו ודבק באשתו"** (בראשית ב' כ"ד). א מענטש מוז אייביג זיין געטריי צו זיין ווייב. געטריישאפט איז דער יסוד אין א שטוב.

יעצט, אסאך מאל לוינט זיך עס פאר די ווייב – אפילו נישט פאר א מצוה, נישט פאר עולם הבא – צו שלינגען. פארוואס? ווייל זיינע עלטערן זענען סך עלטער פון איר. און ווען זיי גייען אוועק פון דער וועלט, אסאך מאל לאזן זיי איר איבער געלט. וועגן דעם איז עס גאנץ א גוטע געדאנק צו לעבן גוט מיט די מאנ'ס עלטערן, ווייל אזוי וועלן זיי דיר איבערלאזן געלט. און מיין נישט אז ס'איז א וויץ. ס'איז זייער ערנסט. און אין אסאך פעלער איז שוין נישט דא צופיל יאר צו ווארטן. און דערפאר, זייט גוט צו אייער מאנ'ס עלטערן ווייל איר וועט האבן עפעס צו האפן פאר. און דאס איז אין צוגאב צו די השלמה אין כאראקטער און פאר די שכר אין עולם הבא. (טעיפ E-181)

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו info@torasavigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

בס"ד

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים
# וועכענטליך אויף אימעיל










$1
א וואך
מועדים $3

בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

# באשיינט אייער שמחה, שבת התוועדות




- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

קאסטום לויט אייער געשמאק







צו באשטעלן רופט:

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

# עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז $1 א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

**כל טוב**